# א.-מ. ווײַסענבערג

## אַ טאַטע מיט בנים

שלמה דער גראָבער קאָפּ -- אַזוי האָט אים חנה-לאה, זײַן ווײַב, אַ צונאָמען געגעבן, ווײַל פֿרײַטיק פֿאַרנאַכט, ווען ייִדן גייען שוין אין שול אַרײַן, נעמט ער מיט זײַנע צוויי בנים ערשט דעם טאָפּ צימעס צווישן די פּיס אַרײַן, און אַלע דרײַ, מיט די קעכער-לעפֿל אין די הענט און מיט רויטע דערהיצטע פּנימער, ווי די טערקן, רײַבן לעפֿל אײַן און לעפֿל אויס אין די "פּיסקעס" אַרײַן, ביז עס בלײַבט קיין שׂריד ופּליט נישט איבער פֿאַר חנה-לאהס וועגן אויף שבת אין דער פֿרי. אָט דער "שלמה דער גראָבער קאָפּ" נעמט זיך זונטיק באַגינען דאָס זעקל מיט דעם שטעקל אין האַנט אַרײַן, -- ער האָט זיך די נעגל אפילו נישט אָפּגעגאָסן -- און מאַרש אין דאָרף אַרײַן, ער מיט דעם ייִנגערן זון, משהלע ברוטאַן. דעם עלטערן, פּנחסלען, האָט ער מורא צו טשעפּען. ווי אַן אמתער "סאָלדאַט", די מוטער רופֿט אים טאַקע "זעלנערטשיק" -- ליגט ער זיך אויסגעלייגט אויף זײַן טאַפּטשאַן פֿון לאָקשן-ברעטער אויף שטולן מיט מולטערס צוקאָפּנס און מאַכט פֿול מיט זײַן כראָפּען דאָס קליינע שטיבל מיט די גראָע ווענט, ליגנדיק מיט די נאָזלעכער צום בעליק אָנגעשטעלט און מיט די נאַקעטע עלנבויגן פֿאַרוואָרפֿן אונטערן קאָפּ.

--זאָל ער שלאָפֿן, דער יונג -- גיט שלמה צום ייִנגערן זון אַ זאָג, אויף די שפּיץ נעגל צולייגנדיק אַ פֿינגער צום מויל, ווי איינער רעדט: האָב אים אַ שוואַרץ יאָר, און לאָמיר זיך ארויסמאַכן און אַנטלויפֿן אין דאָרף אַרײַן, ווערסט דו האָבן דאָס "אָנרײַסעניש"...

און מען גנבעט זיך שטיל מיט דעם זעקל אויף די פּלייצעס און מיט דעם שטעקן אונטערן אָרעם פֿון שטוב אַרויס, אַז חנה-לאה אין דעם ווײַסן שלאָף-קופּקל, וואָס ליגט דאָרט באַגראָבן מיטן קאָפּ אין קישן אַרײַן, הויבט גאָר ניט אָן צו הערן אפילו דעם סקריפּ פֿון דער טיר, ווען אירע צוויי פּרנסה-געבערס שאַרן זיך אַרויס אין דרויסן.

אין שטוב ווערט שטיל. דער ווײַסלעכער טאָג לײַכט שוין דורכן פֿענצטער אַרײַן און ווײַסט דאָס שטיבל אויס. נאָר שלמה מיט דעם זון זײַנען שוין אַצינד צוויי פֿרײַע פֿויגל.

--זעסט, טאַטע -- ווייַזט אים משהלע ברוטאַן אַ צעקאַליעטשעטן באָרוויסן פֿוס, הויבנדיק אים אין דער הויך און אונטערטאַנצנדיק דערווייַל אויפֿן צווייטן -- זעסט, דאָס האָב איך מיר אָן אַ שטיין אָפּגעכמאַליעט... ער ווייַזט אים אַ רויטע ווונד פֿון רוי-פֿלייש אויף אַ שוואַרצן פאַרבלאָטיקטן פֿוס.

--אַ כּפּרה פֿאַר אַ הונט! -- ענטפֿערט אים דער טאַטע מיט אַ זייַטיקן קוק. -- איך קען אויף אייַך מייַן קאָפּ ניט אַוועקזעצן. יונגען זאָלן זיך טאָג און נאַכט ארומיאָגן.

און משהלע ברוטאַן פארשנירט זיך שטאַרקער די הויזן און מארשירט מיט דעם טאַטן גלייַך,פֿילנדיק, אַז ניט פּנחסל, נאָר ער איז דעם טאַטעס רעכטע האַנט. אין דער ווסטל-קעשענע האָט ער אַ פינגערהוט, אַ נאָדל-טעשל מיט נאָדלען, דאָס, וואס געהערט צו אַ מיטהעלפֿער. צו אַ האַנט-יונג, און דער טאַטע האָט ביַי זיך אין זעקל דאָס, וואָס געהערט צו אַ מייַסטער: אַ שליאַך, אַ מאָס צו נעמען, אַ קויל ווייַס ליים צום צייכענען און אַ שער צום שנייַדן. און זייַן בן, משהלע ברוטאַן איז אים מקנא. ער וועט נאָר כאַפּן דעם שניט פֿון טאַטן -- וועט ער זיך אַליין אויפכאַפּן אין אַ זונטיק באַגינען און אַוועקלויפן אין דאָרף אַרייַן איינער אַליין, אַזוי אַז מען זאָל נישט וויסן, ווּ ער איז אַהינגעקומען: די מאַמע וועט אַרומלויפֿן ווי פארסמט, און ברעכן די הענט, ווער ווייס, אפשר איז איר זון דערטרונקען געוואָרן, אָדער אפשר האָבן אים טייַוואָלים אַוועקגעשלעפּט אין אַ וואַלד און חתונה געמאַכט מיט אַ קאַלב...

אפשר אַזוי... -- און ער, משהלע ברוטאַן וועט זיך זיצן ערגעץ אין אַ דאָרף אַ גאַנצע וואָך עסן געבראָטענע קאַרטאָפליעס מיט זויער-מילך, און פֿרייַטיק פֿאַרנאַכט וועט ער ערשט געבן אַ קום צוריק אין שטעטל אַרייַן. די ברענענדיקע בענטש-ליכט וועלן שוין פֿון אַלע פֿענצטער ארויסשייַנען, און ווייַבער וועלן אים נאָכקוקן, וואָס פֿון אַן אייַנרייַסער פֿון אַ יונג ער איז... ווי ער גייט אַ דערהיצטער פֿון וועג, אַ פאַרשטויבטער... -- און דעמאָלט וועט ער געבן אַ קום אַרייַן צו זייַן מאַמען חנה-לאהן, וועט געבן אַ וואָרף אַראָפּ דאָס זעקל פֿון זיך, און געבן איר אַ גיב אַוועק אַ גאַנץ פֿינפֿער קערבל, אַחוץ אַ ״קאַלענדע״, וואָס ער האָט אין זעקל געבראַכט: אָט-אָ דאָ האָסט דו- נאַ מאַמע!... -- וועט ער איר געבן אַ זאָג: -- אָט-אָ דאָס האָב איך פֿאַרדינט, און אָט דאָס נאַ דיר!...

און ער שטעלט זיך פֿאָר, וואָס פֿאַר אַ שבת עס וועט דעמאָלט זײַן. ווי די מאַמע וועט אים רוקן שיסלען, איינע נאָך דער אַנדערער און ער וועט זיך מאַכן דעמאָלט פֿאַר אַן איידעלן, פֿאַר אַ שטילן, און אַ קליינעם עסער...

פֿאַר גרויס פֿרייד גליִען בײַ משהלע ברוטאַן די אויגן, און ער קוקט מיט אַ גלאַנץ און זייט אויפֿן זאַמדיקן וועג אַרויס, שוין אַרויס-קומענדיק מיט דעם פֿאָטער אויפֿן באַרג הינטער דער שטאָט, ווו דאָס גרינע פֿעלד מיט דעם ווײַטן בלאָען וואַלד שפּרייטן זיך פֿאַר זייערע אויגן אויס, ערגעץ אין דער ווײַטער וועלט אַרײַן.

משהלע קוקט, ווי אין מזרח-זײַט פֿאַר זונען-אויפגאַנג שפּילט דער הימל אין אַלערליי פּאַסן, פֿײַער-רויטע און ברוין-רויטע -- און ער בלאָזט אָן די באַקן און פֿרעגט דעם טאַטן, צי עס האָט נישט אַמאָל געברענט די נאַכט אין דאָרף, ווו זיי גייען ערשט?...

-- גראָבער קאָפּ... -- זאָגט דער פֿאָטער -- דו זעסט ניט, אַז די זון גייט אויף?...

און משהלע קוקט זיך נאָך אַמאָל איין אויף יענער זײַט, זעט, ווי די זון שטייט טאַקע אין לאַנגן תכלתנעם וואָלקן-פּאַס אַרונטער פֿאַררוקט, און שײַנט אַפֿער פֿון אויבן מיט שפּיצן ליכטיקייט אין הימל אַרײַן, ווי מיט לאַנגע הערנער -- און פֿאַרשטייט ערשט, אַז דער טאַטע איז גערעכט... ער זעט, ווי פֿרי ס'איז נאָך... אין טיפֿן פֿעלד, ווײַט אין טאָל -- שטייען אַ פּאָר אָקסן און אַ פּויער מיט דעם העמד איבער די הויזן און אַ ברייטן שטרויענעם קאַפּעלוש אויפֿן קאָפּ -- און אויף אַלץ אַרום ליגט נאָך די נאַכטיקע שטילקייט. און אַ טונקעלע רואיקײַט רוט הינטערן ווײַטן בלאָען וועלדל, -- אַזוי אַז די אָקסן און דער פּויער זעען דאָ אויס ווי פֿאַרסודעט, ווי גלאַט אַרויסגעשטעלט אונטערן בלאָען הימל אַרונטער.

נאָר אין דער לופֿט קעגן דעם לאַנגן בלאָען וואָלקן-פּאַס, וואָס ליגט אויסגעשפּרייט איבערן מזרח-ראַנד צווישן הימל און ערד -- דערהויבט זיך שוין אַן איינציקער פויגל, הויך און גלײַך איבער איין אָרט, און דאָס שאַרפֿע מאָרגן-געשווישטשערײַ פֿון דעם קלייניטשקן באַשעפענישל, וואָס טונקט זיך מיט פֿלאַטערדיקע פֿליגעלעך אויף און אויף אין דעם וואָלקן-פּאַס -- פֿילט אָן די לופֿט מיט אַ זיס געשפּילערײַ. און אַ זיסקײַט צעגיסט זיך אין דעם מאָרגנדיקן ליכט -

- ביז דער פֿויגל קומט אַלץ העכער און העכער, ווי אַ שוואַרץ פּינטעלע אין וואָלקן אַריַין, און דאָס פּישטשען זיַינס הערט זיך קוים, ווי פֿון הינטער אַ וויַיטער וועלט אַפֿער. און אָט הינטער יענער וויַיטער וועלט, ווו דער פֿויגל איז שוין איצט, וועט משהלע זיַין שפּעטער, ערשט אין צוויי שעה אַרום, ער מיט דעם טאַטן זיַינעם. דער פֿויגל מוז שוין אַוודאי אַרויסזען, קוקנדיק פֿון דער הויך אַראָפּ, יענע וויַיטע שטרויענע דעכלעך מיט די אָפּגעוואַשטע ווענט, מיט די איינציקע פענצטערלעד, וואָס קוקן אויפן זאַמדיקן וועג אַרויס. דער פויגל מוז זיי שוין אַוודאי זען -- און ער וועט ערשט זיַין שפּעטער דאָרט.

ווי גוט וועט דאָס -- טראַכט ער -- זיַין... דער טאַטע וועט זיך שטעלן דאַוונען אין פּאַכטערס טלית און תפילין, אין פּאַכטערס שטוב ביַי דעם פֿענצטער, ער וועט זיך אויך שטעלן דאַוונען, -- און דער פּאַכטער וועט דערנאָך געבן אָנבײַסן אַ שיסל צוואָריך מיט אַ שטיק שוואַרץ "אָקריץ" -- אַז דער רוח וועט עס נעמען.

נאָר דער טאַטע שלאָגט אים איבער, און מיט אַ וויש פֿון זיַין אַרבל אָן משהלעס, ווי ער וואָלט אים געוואָלט עפּעס אַ טשעפּע טאָן, גיט ער אים אַ פֿרעג:

--צי דו, משהלע, האַסט נישט געהערט, די מאַמע האָט עפּעס געקרעכצט?...

--וואָס געקרעכצט? -- פֿרעגט משהלע ברוטאַן, אָנקוקנדיק דעם טאַטן מיט אַ האַלב אָפֿן מויל און אויפגעבלאָזענע ליפּן.

--צי זי האָט נישט געקרעכצט?...

--וואָס געקרעכצט?

--גיי, דו בהמה דו! גיט ער אים צוריק ווי אַ וואָרף אויף פֿון זיך, און וויַיטער מיט אַ זיַיטיקן קוק: -- דו פאַרשטייסט ניט וואָס מען רעדט צו דיר...

נאָר משהלע מאַכט זיך גאָר נישט פֿאַרשטיין... ער ווייס אַז דער אַלטער מאַכט נאָך אַ ברית, און די מאַמע, חנה-לאה, ריכט זיך אַ ליאַדע טאָג אַרויסוואַרפֿן נאָך אַ בן פֿון די געדערים אַרויס... נאָר וואָס אַרט דאָס אים? לאָז דער אַלטער מיינען, אַז ער פֿאַרשטייט זיך גאָרנישט אויף אַזוינע געשעפֿטן...

און אַזוי נאַרנדיק זיך איינער דעם אַנדערן, הויבן ביידע די לעפֿל, שטעלן וואָס אַמאָל געשווינטערע פֿיס אין דאָרף אַרײַן.

--רודער צו מיט אַן אבר!... -- טענהט דער טאַטע צום זון. -- איך בין מיט אַ יאָר עלטער ווי דו -- טענהט ער -- און זע, ברוך השם, ווי איך גיי!

און אַזוי גייענדיק מאַכט ער וואָס אַמאָל גרעבערע שפּרײַזן, שאָרכענדיק מיט די כאָליאַוועס אָן די פּאָלעס. און ווען ער שטעלט זיך נאָך אויף אַ מינוט אויפֿן גראָז בײַ דער זײַט וועג און וואַרפֿט די שטיוול אַראָפּ פֿון זיך -- דעמאָלט לויפֿט שוין משהלע אונטערטאַנצנדיק אַ גאַנצן וועג אויף דעם צעקאַליעטשעטן פֿוס -- און קאָן אים דעם גאַנצן וועג ניט דערכאַפּן, ביז זיי ווערן פֿאַרשוווּנדן ווײַט איבערן פֿעלד אַוועק...

-- -- -- -- --

ערשט דעמאָלט כאַפּט זיך חנה-לאה אויף פֿון שלאָף. דאָס ערשטע זעט זי, אַ ביסל אונטערהויבנדיק דעם קאָפּ פֿון געלעגער, אַז דאָס צווייטע בעט איז שוין לאַנג אויסגעליידיקט. און דערנאָך -- ווען זי גיט אַ קוק אין פֿענצטער אַרײַן און זי דערזעט, ווי הויך די זון שטייט שוין אין בלאָען הימל -- שטעלט זיך איר פֿאַר דאָס פֿעלד מיט אירע צוויי פּרנסה-געבער, ווי זיי ביידע באַרוועסערהייט, די היטלען פאַרקאַשערט איבער די שטערנס, די פּנימער צעיאַכמערט, און ער, דער אַלטער, טראָגט די שטיוול אויף דעם אַקסל. זי גיט אַ קוק צום זון אויפֿן געלעגער, ווי שנאָרכן ער שנאָרכט מיט זײַן געזונט רויט געזיכט, ווי די ליפּן בלאָזן זיך און ווי די נאָזלעכער הויבן זיך. עפּעס פּונקט ווי אַ גאַנצע פּאַרע-מאַשין וואָלט דאָ געאַרבעט -- טראַכט זי זיך: רבונו של עולם, וואָס פאַר אַ נבוזראַדן האָסט דו דאָס דאָ אָנגעשיקט אויף מיר?... -- נאָר, אַז זי גיט אַ קוק אויף זײַנע צוויי פֿאַרמאַכטע אויגן, טראַכט זי שוין אַ ביסל שטילער, אַז ס'איז נאָך פֿאָרט גוט, וואָס דער רשע שלאָפֿט אַמאָל... און דעמאָלט פֿילט זי ערשט, וואָס פֿאַר אַ מחיה ס'איז פֿאַר דער וועלט ווען דער רשע שלאָפֿט.

וואָרעם פּנחסל טוט נישט מער ווי אַזוי: פּאַקט זיך אין דער פֿרי אָן צוויי קעשענעס מיט פלעץ -- און היידאַ אַרויס אויפֿן פלאַץ צו אַ חברה יונגען, צו אַ חברה טויבן. אָדער ער גיט גאָר אַ כאַפּ אין מיטן

העלן טאָג אַ פֿערדל פֿון מאַרק אַראָפּ. נישט קיין נפקא מינה, ווער עס האָט עס אַנידערגעשטעלט -- און אַנטלויפט דערמיט צום טײַך באָדן עס אויף אַ גאַנצן טאָג, און פּאַשען עס אויף אַ גאַנצן טאָג אויפֿן ״פּאסטערניק״ הינטער דער וואַסער-מיל. און טאָמער וויל ווער קומען פֿון שטאָט דאָס פֿערד אָפּנעמען, אָדער אַ פּאָר יונגען מיט טײַטלדיקע הענט ווילן לויפֿן פּאָראויס: אָט-אָ דאָ, דאָ -- איז ער... -- שטייט ער די גאַנצע צײַט מיט איין אויג קוקנדיק אויף יענער זײַט לאָנקע... און ווי נאָר עס מאַכט זיך עפּעס אַ שטיקל מהומה, ער זעט, אַז דער שטומפּ קומט אָן, -- גיט ער זיך אַ וואָרף אויף דעם פֿערד אַרויף -- און – ״פּאָשאָל און פּאָשאָל״ -- גאָר מיט אַ הינטערוועגל הינטערן צמענטאַרזש -- גלײַך אויפֿן שאָסיי אַרויף. דאָרט איז ער שוין ווײַטער אַ פרײַער פֿויגל, -- און גייט טוט אים עפּעס, ווען ער זיצט אויפֿן פֿערדל... דאָס פֿערדל שטעלט ער צוריק אָפּ אויף דעם אָרט, ווו ער האָט עס גענומען, ווען זײַן האַרץ גלוסט, און ווען דאָס גאַנצע שטעטל ריכט זיך שוין נישט דערויף, און אין אַלע ווינקעלעך קאָכן רעדלעך מענטשן אַז פּנחסל האָט געגנבעט אַ פֿערדל...

נאָר איין מאָל האָט ער טאַקע אָפּגעטאָן אַ מיאוסע מעשה. ער האָט בײַ אַ שיקסע, גייענדיק פֿון ״טומאה״ צווישן נאָך פּויערים און פּויערטעס, אַרויסגעכאַפּט אַ בינטל שפּראָצונגען, -- די ערשטע שפּראָצונגען פֿון זייערע גערטנער, צונויפגעקליבן פֿון אַלע מינים וואָס זיי ברענגען זיי, דער גלח זאָל באַשפּריצן, אַז ס׳זאָל הײַ-יאָר געראָטן -- האָט ער אַזאַ בינטל אַרויסגעכאַפּט בײַ אַ שיקסע און זי נאָך גאַנץ גוט אָנגעהרגעט. דעמאָלט האָט מען געשמועסט אַז, אַהאַ, פּנחסל וועט שוין די ליכטיקע שײַן נישט אָנקוקן. און דער טאַטע האָט אים פֿאַרגעוואָרפן, וואָס ער כאַפּט שיקסעס אין מיטן דער גאַס. נאָר פּנחסל האָט דעם טאַטן געגעבן צוריק אַן ענטפֿער, אַז ער ווייסט נישט וואָס ער האָט געטאָן בחורווײַז, איידער ער האָט מיט זײַן מאַמען חתונה געהאַט... אַזוי האָט ער אים געענטפֿערט, און דער טאַטע מיט דעם זון האָבן זיך דעמאָלט געפֿילט אָנגעשטויסן איינער אויף דעם אַנדערן, ווי צוויי ציגן, אָנטרעפֿנדיק זיך הערנער אין הערנער אויף איין ברעט...

נאָר פּנחסל האָט שוין געוווּסט, ווי אַזוי דעם טאַטן איבערצובעטן... פֿון דער מאַמען האַלט ער נישט, נאָר מיט דעם טאַטן וויל ער נישט פֿירן קיין ברוגזן...

האָט גאָט געהאָלפֿן, און אין שטאָט אריַין האָט פֿאַרבלאָנדזשעט אַ "קאַראַזעליע" מיט קונצן-מאַכערס. פּנחסל איז דערפרישט געוואָרן, און ווי נאָר דער עלטסטער קונצן-מאַכער מיט דעם גאַנצן געזינדל שיקסלעך און שוואַרצן ווייַבערל, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ ציגייַנערין מיט צעפּ -- ווי נאָר זיי האָבן דעם מיטלסטן סלופּ אויפֿגעשטעלט אין מיטן מאַרק, האָט שוין פּנחסל געהאָלפֿן די שטריק מיט די פֿלאַכטעס אויפציען, די הילצערנע פֿערדלעך צו די געפֿאַרבטע בריטשקעס צוטשעפּען און אויף די דרענגער אָנטאָן. און דעם ערשטן זונטיק, ווען די שיקסעס מיט די שקצים פֿון די אַרומיקע "פֿאַראַפּיעס" זייַנען געקומען אין שטאָט אריַין מיט די נלאַנציקע דאַשקעס, מיט די ווייַסע אויפֿגעשטעלטע פּאהלעך -- און די שיקסעס מיט רי ווייַסע פֿאַטשיילעכלעך אויף די קעפּ . האָט די "קאַראַזעליע" אָנגעהויבן צו רודערן.

פּנחסל האָט שוין שטאַרק געהאַט נושא חן געווען בייַ דעם עלטסטן קונצן-מאַכער ; ווען ער וואָלט מיט אים מיטפֿאָרן, וואָלט ער אים אפשר אויך אַ שיקסל געגעבן פֿאַר אַ ווייַב -- מי יודע, וואָס פֿאַר אַ לייַט, וואָס פֿאַר אַ קונצן-מאַכער מיט אַן אייגענער "קאַראַזעליע" ער וואָלט שוין הייַנט אַליין געווען פֿאַר זיך... נאָר עפּעס האָט אים דאָס האַרץ נישט געלאָזט מיטפֿאָרן, כאָטש דער אַלטער האָט אים יאָ צוגערעדט, און דאָס עלטסטע שיקסל, אַ שוואַרצע מיט קאַרעלן-ליפּן, האָט אים דוכט זיך, צוגעווונקען און געקוקט אין די אויגן אַריַין, ער זאָל באַשטיין... נאָר ער האָט נישט געוואָלט... האָט ער גענומען דעמאָלט דעם טאַטן זייַנעם אָנווייַזן כאָטש, וואָס פֿאַר אַ כּבוד ער האָט בייַ דעם עלטסטן קונצן-מאַכער -- און אַרויסגעפֿירט אים אין מאַרק אַריַין.

און ווי שלמה האָט דערזען דעם קייַלעכדיקן דאַך, אַ קאַפּל פֿון פֿלאַכטעס אויפגעצויגן מיט אַ רויט פענדל אין סאַמע שפּיץ, און ווי אַרום און אַרום שטייט אַ האַלבע שטאָט יונגען און מיידן און ווייַבער אויסגעמישט מיט שיקסעס און שקצים פֿון די דערפֿער, -- און ווי איבער זייערע קעפּ, פֿון אונטערן דעכל אַפֿער, מיט וואָס פֿאַר אַ סאַמעט און פֿאַרשידענע צירונגען פֿון אַלערליי פֿאַטשערקעס דאָס מיטלסטע בודעלע איז עס באַקליידט -- און וואָס פֿאַר אַ מיני מעשענע טרומייטן עס שטייען עס מיט די אָפֿענע מייַלער גלייַך אין מאַרק אַריַין אָנגעשטעלט -- האָט עס אים אַזש בייַ דאָם האַרץ

פֿאַרכאַפּט, נאָך מער ווי דעם זון, אַז אַזאַ שיינקייט זאָל זיך גאָר קאָנען געפֿינען בײַ קונצן-מאַכערס אין דער וועלט. און ער האָט זיך געריכט, אַז קונצן זאָלן דאָ פֿאָרקומען, שוין איינמאָל קונצן!... און ער האָט אַ פֿרעג געגעבן דעם זון:

--וואָס פֿאַר אַ קונצן וועלן עס דאָ פֿאָרקומען?

--הילצערנע פֿערדלעך וועלן אַליין לויפֿן, און ווער עס וועט באַצאָלן אַ זעקסער -- וועט רײַטן, ווער אַ פֿירער -- וועט פֿאָרן... -- האָט דער זון צוריק געענטפֿערט קורץ און שאַרף.

שלמה האָט זײַנע אויגן ניט געגלויבט: פֿאָרן און רײַטן אויף הילצערנע פֿערדלעך?... און ערשט ארײַנשטופּנדיק זיך צווישן עולם און דערזעענדיק די פֿערדלעך געזאַטלט, הינטן בריטשקעס און נאָך די בריטשקעס ווײַטער פערדלעך -- האָט ער מויל און אויערן אויף-געמאַכט...

--און דאָס אַלץ -- האָט אים דער זון דערציילט מיט גרויסקייט -- האָב איך געהאָלפֿן צונויפּשטעלן. -- דו מיינסט, אָן מיר וואָלטן זיי שוין אַזוי גיך צונויפֿגעשטעלט?... און אַז דו ווילסט, טאַטע, וועסט דו קענען רײַטן אויף אַ פֿערדל אויך, אומבאַצאָלט, ווי דו זעסט מיך לעבן, אומבאַצאָלט.

שלמהן, דעם גראָבן קאָפּ, האָבן זיך אַזש די באַקן צעשמייכלט, און די אויגן זײַנע האָבן געקוקט מיט גלאַנץ אויף דעם געבעטן סאַמעט און צירונג פֿון אַלערליי פּאַטשערקעס...

--וואַרט, וועלן מיר זען... -- האָט ער זיך אַ גלעט געגעבן איבער דער באָרד מיט אַ בליק אויפֿן זון.

און ווי נאָר די מעשענע אָפּגעפּוצטע טרומייטן האָבן געגעבן אַ זעץ אַרויס: .טאַ-טאַ-טאָ-ר-ר-ראַ! טאָ-טאָ-טאָ-ר-ר-ראַ! . האָט זיך שוין שלמה נישט געקאָנט אײַנהאַלטן און אין זיך אָנגעהויבן מיטזינגען דעם מאַרש, וועלכן ער האָט זיך באַלד אויסגעלערנט און זינגט נאָך עד היום מיט אים די שבתדיקע זמירות, אַזוי, אַז זײַן ווײַב חנה-לאה זידלט אים אַזש: ווי האָט עס אַ מענטש נישט קיין חרפּה, טאָג מיט נאַכט דעם אייגענעם ניגון? -- נאָר דאָס איז נישט שלמהס דאגה, נישט שלמהס עסק: טאַ-טאַ-טאַ-ר-ר-ראַ! האָבן די טרומייטן געקנאַקט, און ער האָט אונטערגעהאָלפֿן: טאַ-טאַ-טאַ-ר-ר-ראַ... .

און אָנגעבלאָזן זיך מיט דעם קאַרק, ווי ער וואָלט געוואָלט בשעת מעשה מאַכן פֿון אים אַ טרומייט. און די ״קאַראַזעליע״ מיט די פֿערדלעך, מיט די בריטשקעס און מיט דעם דעכל -- אַלץ איז שוין געפֿלויגן אין אַ ראָד, און דערהיצטע פּנימער מיט בליצנדיקע אויגן פֿון שיקסעס און שקצים האָבן ״געמידניעט״ פֿאַרן אויג, אַזוי אַז שלמה האָט זיך שוין לענגער נישט געקאָנט איינהאַלטן, און האָט צום זונדל אַלע מאָל געוואָרפֿן אַ פֿאַרליבטן בליק, -- ביז די ״קאַראַזעליע״ האָט זיך געשטעלט -- און פּנחסל האָט געכאַפּט דעם טאַטן און געגעבן אַ וואַרף אַרויף אויף אַ פֿערד, און אַ ווינק זיך איבער מיט דעם קונצן-מאַכערס ווײַבל, אַז דאָס איז זײַן פֿאָטער -- און אַליין איז ער אַרויף אין דער הויך אונטער דער פּלאַכטע פֿון דעכל, דרייען דעם דראַנג און פֿירן די גאַנצע קאַראַזעליע.

שלמהס אויגן האָבן געבליצט מיט פֿײַער אויף די אַלע מיידן און ווײַבער, וואָס זענען דאָ געשטאַנען אַרום און צוגעזען, וואָס פֿאַר אַ גדולה ער האָט דורך זײַן זון דערגרייכט. און ער האָט אַ פֿײַף געטאָן אין דער הויך -- פּנחסל, פֿאָר!... באַלד האָט זיך דערהערט אַ קלינגען אויף אַ גלעקל פֿון אונטער דער סאַמעטענער בודקעלע אַפֿער, וואָס איז געווען אויסגעהאַפּטן מיט אַלערליי ווײַסע און בלאָע פּאַשערקעס. די פּאַסאַזשירן האָבן גיך געכאַפּט די בילעטן, אַרויף אויף די פֿערדלעך, און די פּאַסאַזשירקעס אַרײַן אין די בריטשקעס, און די טרומייטן האָבן ווײַטער געגעבן אַ זעץ אַרויס: טאַ-טאַ-טאַ-ר-ר-ראַ! און שלמה דער גראָבער קאָפּ האָט אָנגעהויבן צו פליען, ער מיט דער גאַנצער קאַראַזעליע -- אַלץ האָט זיך געדרייט און געפֿלויגן, נאָר צווישן די אַלע רויטע דערהיצטע פּנימער איז שלמהס רויט דערהיצט פּנים געווען דאָס איינציק יידישע -- און חברה יונגען, וואָס זײַנען געשטאַנען אַרום דער קייט, ווי צוגעקלעפּט, מיט שטעקנס אָדער בײַטשיקעס אין די הענט -- האָבן זיך מיישב געווען און אָנגעהויבן אונטערצושמײַסן שלמהס פערדל. אַרום און אַרום זײַנען אַ וואַכט יונגען געשטאַנען, און פֿון אַלע זײַטן איז געוואָרן אַ קאָכערײַ מיט אַ מין הילכעדיק געלעכטער: וויאָ, וויאָ! -- און געהאַלטן נאָר אין איין אונטערפּאַטשן און אונטערשמײַסן. שלמהן האָט זיך דער קאָפּ פֿאַרדרייט, די באָרד איז זיך צעפֿלויגן אויףביידע זײַטן לאַצן, ווי אַ צעוואָרפענער בעזים, די אויגן האָבן געבליצט און געבליצט, און יונגען האָבן געקאָוועט און געכמאַליעט איבער אים דאָס פֿערד, און פלוצלונג, מען גיט זיך אַ קוק אום, יאָגט שלמה נאָך

אַ שיקסע. די שיקסע, וואָס איז געזעסן פּאָראויס אים אויף אַ בריטשקע, און ער הינטער איר אויף אַ פֿערד: זי די שפּיצן פֿאַטשיילעכל צעפֿלויגן איבערן קאָפּ, מיט די ציטער שפּילקעס -- און ער, מיט דער באָרד צעפֿלויגן אויף די לאַצן -- האָט עם אויסגעזען, ווי ער יאָגט זי כסדר אָן אויפֿהער, און עס האָבן נישט געהאָלפֿן די געשרייען און דאָס געפּיַיפֿעריַי, וואָס די יונגען האָבן שלמהן אויסגעפּיַיפֿט. שלמה האָט געהאַלטן אין איין נאָכיאָגן די שיקסע -- ביז דעם זון האָט זיך דאָרט אין דער הויך דער קאָפּ פּאַרדרייט, און ער האָט פריער געגעבן אַ בראָך אראָפּ דעם טאַטן אויפֿן קאָפּ, מיט וואָס ער האָט פֿאַר צען יאָר געגעסן, און אפגעוואַשן אים, אַז עס האָט גערונען איבערן פּנים און איבער דער באָרד -- און דערנאָך געגעבן אַ פֿאַל אַראָפּ פֿון בוידעם אַראָפּ צו דער שיקסע אין בריטשקע אַרײַן. ס׳איז געווען אַ קלינגעריַי -- און די ״קאַראַזעליע״ האָט זיך אָפּגעשטעלט.

דעמאָלט איז דער טאַטע מיט דעם זון אַנטלאָפֿן ווי צוויי אָפּגעשמיסענע, איבערן מאַרק. און אַ חברה יונגען נאָך זיי מיט אַ געטומל און אַ געלאַף. עס האָט געקאָכט, ווי צווישן די בינען שלמה, דער גראָבער קאָפּ, האָט געיאָגט אַ שיקסע!... נאָר ייִדן האָבן זיך נישט געשראָקן פֿאַר דעם חטא. אַלע האָבן געוווּסט, אַז דאָס מיינט מען אויף דער ״קאַראַזעליע״ -- און קרעמער, פֿאַרקערט, האָבן זיך נאָך מיט פֿאַרגעניגן געשטעלט אויף די שוועלן פֿון די געוועלבער און מיט אַ שמייכעלע אין דער באָרד אַרײַן נאָכגעקוקט שלמהן, ווי ער איז געלאָפֿן, מיט צעפלויגענע פּאָלעס, איבערן מאַרק פּאָראויס, ווי אַן אַלטער אַשמדאַי, דאָס זונדל נאָך אים און אַ חברה יונגען -- ווי אַ מחנה צונויפגעקליבענע פֿייגל צום אַוועקפליען -- פֿון הינטן...

חנה-לאה איז אַנטקעגן פֿון שטוב אַרויס מיט אויסגעשפּרייטע הענט דעם מאַן און דעם זון צו באַשיצן. זי האָט געמיינט, מי יודע ביַי וואָס פֿאַר אַ גנבה מען האָט זיי געכאַפּט, און ,אַריַינכאַפּנדיק זיי גיך אין שטוב אַריַין, איז זי געוווּיר געוואָרן, אַז דער אַלטער אַשמדאַי איז גאָר געפֿאָרן אויף דער קאַראַזעליע...

זי האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געקוקט אויף שלמהן מיט רחמנות: ווי פֿאַרגינט זיך דאָס אַ טאַטע פֿון קינדער זיך אַזוי נאַריש מאַכן.

שלמה האָט געפֿילט, אַז זי איז גערעכט, אַז ער האָט געטאָן אַ נאַרישקייט -- האָט ער אָפּגעלייגט דעם גאַנצן בייגל אויפֿן זון, נאָר מיט דעם זון האָט זי גאָרנישט געקאָנט מאַכן. זי האָט געזען, וואָס אַ טאָג ווערט ער אַלץ ערגער -- און פֿון הײַנטיקן טאָג אָן האָט זי זיך שוין אין גאַנצן מייאש געווען פֿון אים, און פֿעסט באַשלאָסן, אַז פֿון דעם יונג וועט שוין קיין גוטס ניט אַרויסקומען...

און אַצינד, ווען זי זעט אים ליגן אויפֿן געלעגער, פֿאַרקאַשערט די אַרבל פֿון העמדל, זעט זי בחוש, ווי דער זעלנער שפּילט אים פֿון פּנים אַראָפּ -- און זי דאַנקט און לויבט גאָט, וואָס דער רשע שלאָפֿט כאָטש, און וואָס די וועלט איז זיך נאָר מחיה מיט זײַן האַלטן צו די אויגן...

חנה-לאה שטייט אויף פֿון געלעגער, נעמט די פֿאַטשיילע אויפֿן קאָפּ און גייט צו דער שכנטע אַרײַן מיט אַ שטאַרץ אין דער האַנט נאָך אַ קויל פֿײַער.

די שכנטע שאַרט איר אַ פּאָר לעבעדיקע קוילן, און דערפֿון הויבט זיך אָן אַ שמועס. חנה-לאה רעדט פֿאַר איר אויס דאָס האַרץ, אַז זי האָט נישט קיין נחת פֿון קינדער. די שכנטע פֿרעגט זי, ווי זי האַלט שוין מיט דעם איצטיקן אין דער וועלט... -- ענטפערט זי איר צוריק, אַז זי ריכט זיך שוין אַ ליאַדע שעה אין בעט אַרײַן.

און עס טוט איר באַנג די גאַנצע מעשה... בײַ משהלע ברוטאַן האָט זי זיך פאַרשוואָרן... זי געדענקט, וואָס פֿאַר אַ שווער האָבן זי האָט געהאַט. -- זי האָט געהייסן דעם מאַנס אַ פּאָר הויזן אַראָפּ רײַסן פֿון וואַנט, ווײַל זיי זײַנען געהאָנגען קעגנאיבער איר, און זי האָט דעם מאַן געשאָלטן דעמאָלט מיט טויטע קללות. -- צום סוף האָט זי זיך ווײַטער געלאָזט אַרײַנגאַרן...

די שכנטע טרייסט זי, אַז אדרבה, גאָט קאָן העלפֿן גאָר אַ גרינג האָבן. און עס קומט ווײַטער אַרויס אַ שמועס, ווי קינפּעטאָרינס דאַרפֿן שמירה.

און חנה-לאה דערציילט, אַז נישט הײַנט געדאַכט, אויף אַלע וויסטע וועלדער געדאַכט, האָט זי געהאַט אַ קינד צווישן דעם עלטערן און דעם ייִנגערן, אַזוי ווי איינס פֿון אַ האַלב יאָר...

און די שכנטע דערציילט איר צוריק ווי טשײַטיל די קופקע-מאַכערין איז איין מאָל געזעסן אין אַ שבת צו נאַכט און האָט געניית אַ קופקעלע בײַ אַ לעמפּל, און דאָס פֿענצטער איז ארויסגעגאַנגען אין אַ מיטשאַנקעלע -- האָט זי דערזען, ווי פֿאַר דעם פֿענצטער איז פֿאַרבײַגעלאָפֿן אַ נקבה מיט צעלאָזטע האָר און צום בוזעם האָט זי געהאַלטן צוגעטוליעט אַ קינד... דאָס איז געווען יוטע מאָטלס שנור. מ׳שטיינס געזאָגט...

חנה-לאה שפּײַט אויף דרײַ מאָל און גייט אַהיים. און זי בעט פּנחסלען, ווען ער שטייט אויף, אַז ער זאָל אַראָפּנעמען די מזוזות און גיין צום סופר איבערזען.

זי האָט זיך וויקעלעך אָנגעגרייט, העמדעלעך, אַ קלאָר לײַלעך דאָס בעט צו פאַרהענגען -- און בײַנאַכט איז זי שוין נישט געגאַנגען שלאָפֿן אָן אַ חומש צוקאָפּנס, נאָר דאָ האָט שוין ניט געטויגט איר טײַטש-חומש, דווקא דעם מאַנס.

און וואָס קלערט איר? אין דער אייגענער נאַכט האָבן זי שוין אַ פּאָר שכנטעס געוואַרטעוועט, און אַרום דרײַ פֿאַרטאָג אָנגעקלאַפּט בײַ דער ״באָבע״...

זי האָט געבוירן אַ יונג, און באַלד מיט אַ שוואַרצן ״קענדזשער״ האָר, ווי נאָר ער איז אויף דער וועלט געפֿאַלן... נישט אומזיסט האָט שלמה איבערגעטראַכט, אַרויסגייענדיק הינטער דער שטאָט, צי האָט זי שוין נישט געקרעכצט. ער האָט זיך געריכט אויף אַ פֿריילעכן שבת, ער וועט אם ירצה השם אַהיים קומען, און זײַן חנה-לאה וועט שוין האָבן בשלום איבערגעקומען.

אַצינד איז זיך שוין חנה-לאה געלעגן אין בעט ווי אַ גרעפין צעלעגערטערהייט, פֿאַרהאַנגען מיט אַ פאָרהאַנג, אויף אַ שנירל אונטערן בעליק אויפגעצויגן, באַקלעפּט מיט שיר-המעלות-בריוולעך, און נאָר פֿון צײַט צו צײַט, אַז זי האָט געדאַרפֿט, מען זאָל איר וואָס דערלאַנגען, האָט זי דעם קאָפּ מיט דער שלאָפקופקעלע אַפֿער געשטעקט פֿון הינטער דעם פֿאָרהאַנג -- אויף איר פּנים האָט זיך שוין אָנגעזען אַן איבער-געלײַטערטקײַט. זי האָט גערעדט ווייכער און צאַרטער, ווי שוין אַן איבערגעקומענע, נאָר איין זאַך האָט זי נאָך געהאַט אויפֿן זינען: דאָס קינד צו היטן, עס זאָל חלילה נישט טרעפֿן ווי מיט יענעם, אָדער מיט דעם, וואָס די שכנטע האַט דערציילט. זי

האָט באַשלאָסן ,דאָס קינד פֿון דער האַנט נישט ארויסצולאָזן, פֿון אונטערן אָרעם נישט אַפּערצורוקן. און אין שלאָף צו האַלטן עס מיט אַלע כוחות, צו ליגן דעריבער ווי אַ טרײַע מאַמע.

און אַט איז געקומען דאָנערשטיק בײַנאַכט, זי ווערט אַנטשלאָפֿן מיט זיסע געדאַנקען. מאָרגן וועט שלמה אַהיים קומען און וועט דערזען, וואָס פֿאַר אַ יונג זי האָט אים אָנגעגרייט, גאָר אָן זײַן וויסן -- שוין אַצינד דעם דריטן...

און זי שלאָפֿט -- -- --

און עס דאַכט זיך איר, אַז די אייגענע מלכת-שבא מיט די נאַקעטע ברוסטן, מיט די לאַנגע צעלאָזטע צעפּ אין עפּעס אַ פארצײַטיש קײַלעכדיק קלייד -- אַ קרינעלינע פֿון טערקישן סיץ מיט אזוינע בלימעלעך און אויגעלעך -- פּאַקט זיך צו איר דורך אַ האַלבער קוואַרטיר אין פֿענצטער אַרײַן -- און פּאַקט זיך, און פּאַקט זיך -- אַזאַ גראָבע און אַזאַ שווערע -- אַז חנה-לאהן כאַפּט אָן אַ פּאָרכט, און מיט פֿאַרדומפּענע קולות שרײַענדיק אין זיך אַרײַן, דריקט זי דאָס קינד צו זיך, און עס האָט שוין טאַקע קיין בעסערע מלכת-שבא נישט געדאַרפֿט, ווי עס האָט געהאַט...

---------------

עס איז קוים טאָג אין דרויסן, עס בלויט דורכן פֿענצטער. שלמה קלאַפּט שטיל אָן אין טיר, און פּנחסל, צונויפֿגעמישט אין דער גראָקייט פין דער נאַכט און יונגן מאָרגן, וואָס פֿאַלט אין שטיבל אַרײַן -- לויפֿט פֿון געלעגער אַראָפּ די טיר אויפמאַפן. שלמה קומט אַרײַן אויף די שפּיץ נעגל, משהלע נאָך אים, עס האָט אים די נאַכט נישט געלאָזט רוען אין דאָרף, און ער איז געקומען צולויפֿן מיטן טאָג צו גלײַך -- און אַצינד, דערזעענדיק דעם אויפגעצויגענעם פֿאָרהאַנג איבערן בעט -- לײַכט אַ שטילער בלישטש אין זײַנע אויגן אויף און, ווענדנדיק זיך צום זון, גיט ער אים אַ צופּ בײַם אַרבל, אויף שטיל געהאַנדלט, ווי צווישן זיך :

--וואָס האָט זי געהאַט?...

--אַ ייִנגל -- ענטפֿערט פּנחס.

--אַ ייִנגל? -- צעגיסט זיך אים אַ ליכטיקער שמייכל איבערן גאַנצן פנים. משהלע ברוטאַן כאַפּט באַלד אונטערטאַנצנדיק:

-- וועט זײַן אַ שלום-זכר, וועל איך האָבן אַ פֿולן קויש מיט אַרבעס!...

-- שאַ, דו בענקארט! די מאַמע שלאָפט. -- טוט אים דער טאַטע אַ שטורך.

-- שאַ, אַ רוח אין דײַן!... -- קומט פנחסל אויך צו הילף.

-- די מאַמע האָט אַוודאי געמוזט ערשט אַנטשלאָפֿן ווערן? -- מאַכט דער פֿאָטער.

-- ניין, זי שלאָפֿט אַ גאַנצע נאַכט... -- האָט פנחסל געענטפֿערט.

-- אַ גאַנצע נאַכט?...

-- בײַ שלמהן האָט זיך עפּעס אין האַרצן אָפּגעריסן. מיט שטילע פֿאַמעלעכע טריט האָט ער אָנגעהויבן צוצוטרעטן צום פֿאָרהאנג:

-- חנה-לאה, חנה-לאה... -- רופֿט ער שטיל מיט אַן אָנגעצויגענעם בליק אין זיך אַרײַן, ווי ער וואָלט געוואָלט דאָס קול נישט לאָזן גיין צו ווײַט, -- חנה-לאה...

חנה-לאה שלאָפֿט.

--לאָז, טאַטע, וועל איך זי אויפֿוועקן -- רופֿט זיך אויף משהלע ברוטאַן מיט אַ גראָב קול.

--שטיל, בענקאַרט! -- פֿאַרבײַסט שלמה מיט אַ פֿינגער די ציין צו אים -- דו וועסט זי איבערשרעקן...

--חנה-לאה, חנה-לאה...

--האָ-אָ-אָ... -- הערט זיך אַ לאַנגער אויסגעצויגענער מריטש פֿון הינטער דעם פֿאָרהאַנג.

--חנה-לאה, ווו האָסט דו דאָס קינד?...

--געוואַלד, דאָס קינד... -- טוט זי אַ געשריי מיט אַן אימפּעט, אַן אויפגעכאַפּטע פֿון שלאָף, און שלמה טוט זיך אַ וואָרף נישט טויט

נישט לעבעדיק הינטער דעם פֿאָרהאַנג אַרונטער. ביידע זין בלײַבן פֿאַרשטײנערט מיט גלעזערנע אויסגעזעצטע אויגן אויפֿן פאָרהאגג.

--געוואַלד, דאָס קינד! -- טוט זי נאָך אַ מאָל אַ געשריי אויס און אַ הויב עס אין דער לופֿטן בײַ איין הענטל, ווי אַ טויט גענדזל. דאָס קינד טוט אַ דריי מיטן קעפּל, טוט זי עס אַ כאַפּ מיט דערשראָקן אַרויסגעזעצטע אויגן בײַם פּנימל און הויבט עס אָן צו רײַסן.

--און לאָז דיך שוין די ערשטע כאָלעריע טרעפֿן!... -- גיט שלמה איר אַ בענטש מיט ביידע הענט איבערן קאָפּ. -- חנה-לאהלע די קאָלבאַסניצע, האָסט מיר שוין געהרגעט אַ זון אויף טויט! -- שרײַט ער אויס, דערזעענדיק, אַז דאָס קינד האָט קיין אָטעם נישט און איז שוין קאַלט, ווי אַ שטיק טייג. מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ רוקט ער זיך צוריק אַפֿער פֿון הינטער דעם פֿאָרהאַנג.

חנה-לאה מאַכט אַ געוואַלד. די זין נאָך -- שלמה לויפֿט אום אויף און אויף איבער דער שטוב, ווי אַ בערן-טרײַבער מיט געזונטע גראָבע שפּרײַזן און וואַרפֿט גלאַנציקע אויגן אויף דעם פֿאָרהאַנג. באַלד קומען צו לויפֿן אַ פּאָר שכנטעס, און מען ווערט געוויר, אַז דאָס קינד איז טויט.

דעמאָלט ערשט נעמט חנה-לאה זינגען אַ קלאָגלידל.

--איך האָב דאָך אַן אומגליק געהאַט, די מלכּת-שבא האָט זיך דאך געפּאַקט צו מיר דורכן פֿענצטער, דורך דעם פֿענצטער... אזוינע צוויי גראָבע ציצן האָט זי געהאַט, האָט זי מיר דאָס קינד דערהרגעט מיט די ציצן...

-- ציצן?! שרײַט שלמה -- מען דאַרף גרעבערע ציצו ווי דו אַליין האָסט! -- גיך צום רב, גט. טרעפֿט דיך די ערשטע כאַלעריע:

--שלמהשי... וואָס ווילסט דו?... -- האָט זי געוואָלט אָנהויבן פּאַר אים צו וויינען. נאָר עס האָט גאָרנישט געהאָלפֿן. די צוויי זין האָבן זיך ווי אײַנגעקאָרטשעט אין אַ ווינקעלע, און געדאַנקט גאָט, אַז זיי זײַנען אין דעם נישט שולדיק... און שפּעטער, ווען אַ חברה-מאַן האָט דאָס קינד צוגענומען אין בוזעם אַרײַן -- האָט די מאַמע געמוזט צוריק דאָס בעט פֿאַרבעטן, צוריק דעם פאָרהאַנג אַראָפּנעמען און גיין מיטן טאַטן צום רב.

--------

--גוטער רב! -- האָט שלמה אַ צעקאָכטער און מיט האַרץ געטענהט -- זי האָט דאָך מיך בדלות געשטעלט, זי האָט דאָך מיר שוין צוויי זין דעם טויט געמאַכט! צוויי זין! -- -- --

--און וואָס זאָגט איר, זײַט זשע מוחל, ייִדענע? -- האָט דער רב געפֿרעגט.

--צוויי זין נעבעך... -- גיט זי אַ וויין אַרויס מיט אַ צעשיטנדיק מאמע קול.

--וואָס ווילסט דו פֿון איר, שלמה? -- אַ ייִדענע... זי האָט אַוודאַי געוואָלט זיי זאָלן לעבן -- בעט זיך בײַ אים דער רב.

--טאַטע, דו גייסט אַהיים! -- פֿאַלט אַרײַן פּנחסל צום רב אין שטוב אַרײַן מיט קנאַק אויף דער טיר, ווי אַ דונער, און נאָך אים משהלע ברוטאַן מיט אַ ריטש: -- מאַמע!...

דער רב כאַפּט זיך אויף אַ דערשראָקענער, מיטביידע הענט אויסגעשטעלט צו פּנחסן.

--דו וועסט גטן מײַן מאַמען? -- טוט ער אַ קנאַק מיט אַ פֿויסט אין טיש אַרײַן -- אַהיים, וואָרעם איך האַק דיר אַ זײַט אונטער... -- -- אָט האָט איר, רבי, גייט נעמט זיך אָן פּאַר קינדער! -- גיט ער אַ ווײַז אָן אויף פּנחסלען און אויף דער מאַמעס בויך, און גיט אַ לויף אַרויס, פֿאַרהאַקנדיק נאָך זיך די טיר.

--און דו, מאַמע, -- נעמט פּנחס אַרויס אַ מטבע פֿון קעשענע -- נאַ דיר אַ פערציקער און גיי אַהיים און קאָך אָנבײַסן!

צוריק גייענדיק פֿון רב דורך אַ הינטער-געסל פֿאַרבײַ אַ פּלויט, עס זאָלן איר ניט קומען קיין היימישע אין פּנים אריַין, וואָס איז איר אַזוי פֿאַרשעמט געוואָרן געגוג פֿון גאָט אַליין, -- האָט איר משהלע אַ גאַנצן וועג גערייט דעם פאַרטוך, זי זאָל צושטעלן דעם גרעסערן ״סאַגאַן״ צום קאָכן, נישט דעם קלענערן, און פֿול זאָל ער זײַן אָנגעפּאַקט מיט קאַרטאָפּליעס, וואָרעם ער האָט שוין נישט געגעסן פֿון דאָרף אָן...

אַזוי איז זיך חנה-לאה צוריק אַהיים געגאַנגען. אויפֿן אַנדערן -- , פֿרײַטיק איז שוין שלמה צוריק געזעסן מיט דעם טאָפּ צימעס צווישן די פֿיס -- און די צוויי בנים ווי די ביקעס -- אַרום אים, אַלע מיט די קאָד-לעפֿל אין די הענט, מיט דערהיצטע פּנימער, ווי די טערקן -- און חנה-לאה האָט ווײַטער געהאַלטן אין איין שרײַען, פֿאַרוואָס זיי לאָזן נישט איבער קיין שריד ופּליט אויף שבת אין דער פֿרי.

נאָר פֿרײַטיק צו נאַכטס, ווען די ליכט אין די לײַכטער האָבן געברענט און שלמה מיט די צוויי בנים זײַנען געזעסן בײַם טיש און געהאַלטן בײַ "בנים ובני בנים" -- האָט זיך חנה-לאה פּאַרקוקט מיט ליכטיקע אויגן אויף די צוויי זין. זי ווייס אַליין נישט, עפּעס פּנחסל איז איר גאָר ליבער געוואָרן. און זי האָט אַליין נישט געפֿילט, ווי אַ טרער האָט זיך איר אַראָפּגעקײַקלט איבער דער באַק און אַרײַן אין שיסעלע באָבעלעך מיט יויך. נאָר דעמאָלט האָט ערשט שלמה געקוקט אויף איר מיט נקמה: האָב איר אַכט און אַכציק שוואַרץ יאָר! שיסקאַ!... מיט אַזוינע פֿיר זין וואָלט ער געקאָנט אַ וועלט מיט אַ מדינה אײַננעמען. און נישט ווילנדיק שוין מער קוקן אין איר זײַט אַרײַן, האָט ער צו די בנים אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און אַלע דריי האָבן געגעבן אַ זעץ אַרויס דעם מאַרש פֿון דער "קאַראַזעליע" מיט אַ שבתדיקן זמר! -- -- --

צוגעגרייט פֿון לעאָנאַרד פּראַגער, נח מילער און רפֿאל פֿינקעל